בעזהשי"ת

# קונטרס

# חידושי תורה

## פרשת נח


יו"ל על ידי

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל**

**מסאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל - בני ברק**


**כיתה ח'**

**הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו**

# חידו"ת לפרשת נח

**את האלקים התהלך נח:** רש"י פרעגט א קשיא פארוואס ביי נח שטייט "את האלקים התהלך נח", און ביי אברהם שטייט "אלקים אשר התהלכתי לפניו" און רש"י ענטפערט אז אברהם איז געווען אין א גרעסערע מדריגה פון נח אז ער האט נישט געדארפט אז השי"ת זאל אים אונטערהאלטן.

פרעגן אלע ספרים א שטארקע קשיא, פארוואס גלייך נאך שני שטייט אין פסוק אז השי"ת האט געזאגט פאר נח "כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה", זעהן מיר דאך אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר נח דעם זעלבן לשון ווי פאר אברהם אבינו?

ענטפערט דער רבי בעל דברי יואל זי"ע א הערליכער תירוץ, ווייל אין מס' עבודה זרה (דף ו') זאגט רש"י אויף דעם וואס די גמרא זאגט אז נח איז געווען "תמים בדרכיו", אז דאס מיינט אז ער איז געווען א עניו ושפל רוח, קומט אויס אז "תמים" מיינט אז ער האט זיך געהאלטן קליין.

כדי א איד זאל זוכה זיין צו שלימות אין מידת ענוה פעלט זיך אויס געוואלדיגע סייעתא דשמיא, ווייל די טבע פון א מענטש איז אז ער האלט זיך גרויס, און עס איז זייער שווער צו זיין אן אמת'ער עניו. אויך דוד המלך האט געבעטן פונעם אויבערשטן "אל תביאנו רגל גאוה" אז ער זאל זיך נישט האלטן גרויס.

נח האט געהאט א גרויסן פראבלעם צו קענען זיין א אמת'ער עניו, ווייל ער איז דאך געווען אין א דור פון

געפערליכע רשעים, וואס האבן דערצערנט דעם אויבערשטן אזוי ווייט אז דער אויבערשטער האט געברענגט אויף זיי א מבול, האט ער געמוזט האבן גאר א גרויס מאס סייעתא דשמיא און א סעד לתומכו אז ער זאל זיך קענען האלטן בענוה ווייל אנדערש איז נישט מעגליך.

דאס זאגט דער פסוק "נח איש צדיק תמים", אז נח איז געווען א גרויסער עניו, ווי אזוי איז מעגליך אז אין אזא דור, "בדורותיו", זאל ער זיין א עניו?, אויף דעם זאגט דער פסוק "את האלקים התהלך נח", און דער אויבערשטער איז געווען זיין סעד לתומכו אז ער זאל קענען זיין א עניו, משא"כ שפעטער שטייט נישט "צדיק תמים", נאר "כי אותך ראיתי צדיק לפני", רעדט מען דאך נישט פון נח'ס מידת ענוה, נאר פון זיינע אנדערע מידות טובות, דארט איז טאקע נח יא געווען אויף די מדריגה פון אברהם אבינו צו זיין א "צדיק לפני".

**צוהר תעשה לתיבה ואל אמה תכלנה מלמעלה ופתח התיבה בצדה תשים תחתים שנים ושלישים תעשיה.** ונל"פ דהנה מודעת זאת שהצדיקים יכולים להמתיק ולבטל גזר דין ע"י שמהפכים צירופי האותיות, כגון מ"נגע" ל"ענג" ומ"צרה" ל"רצה", ועד"ז פי' הרה"ק רבי שמעון מיערוסלב זי"ע מאמה"כ (תהלים ל"ג י"ח) הנה עין ה' אל יראיו למיחלים לחסדו להציל ממות נפשם ולהחיותם ברעב, שכשיש על אדם גזירת רעב חלילה או גזירת מות ובא אל הצדיק ושופך לבו אז הצדיק בכח קדושתו לוקח העי"ן מתיבת רע"ב ומכניסו לתיבת מו"ת ונעשה "רב מעות" וכך נשפע

עליו פרנסה ושפע רב, ובזה פי' הנה עי"ן ה' אל יראיו פי' שהאות עי"ן נתונה ומסורה ביד הצדיקים, ועי"ז להציל ממו"ת נפשם, ולהחיותם ברע"ב דהיינו ע"י העי"ן שיש ברע"ב שמכניסים לתיבת מו"ת, ונעשה רב מעות, והנה כאן רצה הקב"ה לרמז לנח שימתיק גזר דין המבול להפך את האותיות "צרה" ל"צהר", ועי"ז יבוא אורה לעולם, וזהו שאמר לו השי"ת "צה"ר תעשה לתיבה" שתעשה צירוף "צהר" מתיבת "צרה", "ואל אמ"ה תכלנה מלמעלה" ואת א'לוקים מ'ידת ה'דין (ר"ת אמ"ה) תכלנה מלמעלה תכלה ותעקר בכח תפילתך שיתהפך המדה"ד למידת הרחמים וחסדים, "ופתח התיבה בצדה תשים" דהיינו האות צ' הפותחת תיבת "צרה" תשאיר על מקומה בצידה, רק "תחתיים" שני האותיות האחרונים שהם ר' ה' "שניים" האות שני שהוא ר', "ושלישים תעשיה" תהפוך אותה לאות השלישי, ויעלה בידך צירוף האותיות צה"ר.

**(קול יעקב)**

**כי מלאה הארץ חמס וגו'.** ופרש"י לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל. ולכאורה אינו מובן מה בכך שגזלו הרשעים איש מאת רעהו ומה כל חייהם וממונם חביב לפני הש"י שהקפיד על ממונם שגזלו איש מאת רעהו הלא כחיות היער נחשבו שטורפים וחומסים ואין חטא להם. אכן הנה מבואר במד"ר ששאל אברהם אבינו ע"ה את שם בן נח איך נצלתם אתם ממי המבול ומחרון אף הגדול שהיה בעולם ואמר לו שאיננו יודע דבר רק בזכות שרחמנו על העוף והבהמה והחיה אשר כל ימי המבול עסקנו בצרכם

בס"ד

להספיק לכל אחד ואחד בזמנו ובזכות זה רחם עלינו ה'. ובאמת כן הוא כי ע"י שהתעוררו מדת הרחמנות במעשיהם הטובים על כל אשר היו בתיבה עי"כ התגוללו רחמים משמים עליהם אדם ובהמה תושיע ה' אדם בזכות בהמה וכן דור המבול אלו היו להם רחמנות איש על רעהו עז מדה כנגד מדה היה מתעורר רחמנות ה' עליהם אבל כי מלאה הארץ חמס מפניהם ולא היה בהם רחמנות לכן נחתם גזר דינם.

**(תפארת שלמה)**